# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

**נומער 6 • מאנטאג, כ"ט חשון תשפ"ז • 9טן נאוועמבער 2026 • די וואך פון פרשת תולדות**

זְכֹר יְמוֹת עוֹלָם בִּינוּ שְׁנוֹת דֹּר וָדֹר, שְׁאַל אָבִיךָ וְיַגֵּדְךָ זְקֵנֶיךָ וְיֹאמְרוּ לָךְ

דברים לב, ז

**אין דעם נומער**

**געדענקען און פארגעסן**
ברסלבער • הויפט־ארטיקל

**א באבע באזוכט מען**
ליטוואק פון בודאפעסט • איבערלעבונגען

**וועסט זיך נאך בענקען...**
Yentash • הומאר

**פארמעקן זכרונות**
א שמועס • וויסנשאפט

**קאטשקעס און פירזאגערינס**
הרב מיכאל אוישי • היסטאריע

**זיסע זכרונות פון חיידער**
א שמועס פון קאווע שטיבל

# ארכיוו

נומער 6 • מאנטאג, כ"ט חשון תשפ"ז
9טן נאוועמבער 2026 • די וואך פון פרשת תולדות


הקדמה

# וואס מען געדענקט — און וואס מען פארגעסט

א גוטן מאנטאג, טייערע לייענער!

דער דריטער וועלטליכער נומער פון „ארכיוו“ האט א טעמע וואס יעדער איינער טראגט מיט זיך: וואס מען געדענקט, און וואס מען פארגעסט. אן ארכיוו איז דאך אליין א שטיק זכרון – טויזנטער שמועסן, וויצן און מעשיות, וואס וואלטן שוין לאנג געווען פארגעסן ווען מען וואלט זיי נישט אפגעהיטן.

מיר הייבן אן מיט „ברסלבער“, וואס ערקלערט ווי אזוי דער מענטש געדענקט: וואס הייסט „קורצע־טערמין“ און „לאנג־טערמין“ געדענקען, פארוואס מען געפינט נישט די קאר נאך שחרית, און פארוואס פארגעסן איז אמאל א טובה. אינעם וויסנשאפט־טייל גייט מען א טריט ווייטער: קען מען אויסמעקן א שלעכטן זכרון? און קען מען א מענטש איינרעדן א זכרון פון עפעס וואס איז קיינמאל נישט געשען? „מי אני“ ברענגט די מעשה פון הענרי מאלעיסאן, דעם מאן וואס האט מער נישט געקענט צולייגן קיין נייע זכרונות.

„ליטוואק פון בודאפעסט“ נעמט אונז מיט צו זיין עלטער־באבע, מיט די רויע מאנדלען און דעם קוקוריקו זייגער – ווייל א באבע באזוכט מען. הרב מיכאל אוישי, א שליח אין זאפאראזשע, געדענקט די שול פון זיין קינדהייט, מיט יענקל דעם גבאי, וואס איז געווען ניינציג יאר אלט אזויפיל יארן נאכאנאנד.

אויף קאווע שטיבל האט מען זיך דערמאנט אין די חיידער־יארן – אין די גוטע מלמדים און אין די ווייניגער גוטע – און יעדער האט געהאט וואס צו דערציילן. אינעם קולטור־טייל: א ליד פון יום טוב עהרליך וועגן דער אלטער היים. און „Yentash“ פרעגט: בענקט מען זיך באמת צו די יונגע יארן?

דערצו: פערל פון די ארכיוון – אן אלטער איד וועמענס שניי ווערט יעדעס יאר טיפער, און דריי גוטע זאכן וועגן פארגעסן; „היינט מיט . . . יאר צוריק“, מיט צוויי פאסטס וואס זענען געשריבן געווארן אויף דעם 9טן נאוועמבער; און די תגובה פון דער וואך, דאס קירצסטע שטיק אינעם גאנצן נומער.

אלע שטיקער זענען אויסגעקליבן פון די ארכיוון און מגיה געווען לויט די כללים פון אויסלייג און גראמאטיק. דער טעקסט איז געבליבן ווי די שרייבער האבן אים געשריבן, אויסער די תיקונים וואס די כללים פאדערן; וואו מיר האבן עפעס אויסגעלאזט, שטייט [פארקירצט].

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער


| | | |
|---|---|---|
| הויפט־ארטיקל | געדענקען און פארגעסן • ברסלבער | 3 |
| וויסנשאפט | פארמעקן זכרונות • שרגא, מי אני און אנדערע | 5 |
| איבערלעבונגען | א באבע באזוכט מען • ליטוואק פון בודאפעסט | 7 |
| היסטאריע | וועגן קאטשקעס און פּירזאגערינס • הרב מיכאל אוישי | 9 |
| א שמועס פון דער וואך | מיינע זיסע זכרונות פון חיידער • בונעס איירעס, berlbalaguleh, שמעקעדיג און אנדערע | 10 |
| קולטור • ליד | די מצב אמאל • יום טוב עהרליך | 14 |
| הומאר | ווערסט זיך נאך בענקען צו די יונגע יארן • Yentash | 15 |
| קורץ און שארף | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | 16 |
| היסטאריע | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | 17 |
| קאלום | די תגובה פון דער וואך • ישמעאל הכהן | 19 |
| מקורות | מקורות • די רעדאקציע | 20 |

**הויפט־ארטיקל**

# געדענקען און פארגעסן

דאס געדענקען איז א מתנה וואס מען כאפט ערשט ווען מען זעט ווי שווער עס ווערט אן איר. א בליק אויף זכרון און פארגעסן – פון טעלעפאן־נומערן ביז א שטיקל גמרא.

פון **ברסלבער**

קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • „געדענקען און פארגעסן" • 7טן אויגוסט 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/4457.html

געדענקען זאכן וואס מען האט געזען געהערט אדער געליינט איז א געוואלדיגע מתנה וואס דער אייבערשטער האט אונז געשאנקען, דאס העלפט אונז מאכן החלטות אין לעבן, דאס מאכט אז מיר זאלן קענען לעבן מיט אנדערע מענטשן און מיט זיך אליין, מען איז אזוי צוגעוואוינט דערצו אז מען כאפט נישט וואסערע מתנה דאס איז, ביז ווען מען זעט אן עלטערע איד וואס הייבט שוין אן נעבעך צו פארגעסן, און מען זעט ווי שווער דאס מאכט פאר אים און פאר אלע זיינע ארומיגע, דעמאלט כאפט מען ווי שטארק מען דארף דאנקען דעם אייבערשטן אויף דער מתנה אז מען קען געדענקען.

דאס געדענקען ווערט איינגעטיילט אין דריי חלקים.

דאס ערשטע איז ווען מען זעט אדער מען הערט א זאך אן צופיל אריינטראכטן, ווערט דאס אריינגעפיקטשערט אין מח. די צווייטע איז די "קורצע-טערמין געדענקען" ווי למשל ווען מען וויל געדענקען א טעלעפאן נומער פאר איין מינוט ביז מען לייגט עס אריין אין די פאון. און דערנאך איז דא די "לאנג-טערמין געדענקען" דאס איז זאכן וואס מען חזר'ט איין און מען וויל דאס געדענקען פאר א לענגערע צייט.

ווען עס קומט צו פארגעסן, איז פארשטייט זיך דער ערשטער חלק וואס ווערט די שנעלסטע פארגעסן, דאס איז נישט אזוי ווייט ווייל מען האט עס פארגעסן, נאר ווייל מען האט עס קיינמאל נישט געדענקט, מען האט עס קיינמאל נישט פרובירט צו סטארידשן אין מח, און די זעלבע די צווייטע חלק, א זאך וואס מען וויל נישט געדענקען פאר צו לאנג, ווערט אויך פארגעסן גאנץ שנעל, ווייל עס איז קיינמאל נישט אריינגעגאנגען אין די טיפע קעמערלעך פונעם מח.

ווען מען קומט ארויס פון שול נאך שחרית און מען קען זיך נישט דערמאנען וואו מען האט געלייגט די קאר, און מען רעגט זיך אויף זיך אליין "פארוואס דארף איך אלעמאל פארגעסן?!" דאס איז נישט ווייל מען האט פארגעסן, נאר ווייל מען האט לכתחילה נישט צוגעלייגט קאפ צו געדענקען וואו מען האט עס געלייגט. ווען מען פרעגט איינעם וואס האט דער בעל-דרשן ארויסגעברענגט ביי זיין דרשה, און מען קען זיך נישט דערמאנען, מוז נישט זיין ווייל מען האט פארגעסן, נאר עס איז גאנץ מעגליך אז דער בעל-דרשן האט בכלל נישט גערעדט אן אינטערעסאנטע נושא, אזוי אז עס איז בכלל נישט אריין קאפ וואס ער האט געזאגט.

---

**דאס איז נישט ווייל מען האט פארגעסן, נאר ווייל מען האט לכתחילה נישט צוגעלייגט קאפ צו געדענקען וואו מען האט עס געלייגט.**

---

אמאל, פאר עס איז געווען סעלפאונס (ווער געדענקט?), האט מען אסאך מער געדענקט טעלעפאן נומערן, פשוט ווייל מען האט עס מער אריינגעלייגט אין מח, און מען האט עס געוואלט געדענקען, משא"כ היינט ווען מען האט סעלפאונס געדענקט מען שוין כמעט נישט קיין נומערן, (אויסער די וואס מען האט שוין געקענט פאר מען האט געהאט דעם סעלפאן), ווייל מען לייגט עס פשוט נישט אריין מח, עס ליגט דאך שוין אין די קאנטאקטס.

אבער דערנאך קומט די ריכטיגע אפטייטש פון פארגעסן, דאס זענען זאכן וואס זענען שוין יא געליגן אין די טיפע קעמערלעך, מען האט עס גוט גע'חזר'ט און געדענקט, און דאס קען מען אויך פארגעסן, איינער מער איינער ווייניגער, אבער יעדער איז געשלאגן מיט שכחה, דורשי רשומות זאגן ש'כן ח'ובת כ'ל ה'יצורים איז די ראשי תיבות "שכחה", דאס אפעקטירט יעדן איינעם פון גרויס ביז קליין.

אבער ווען מען פארגעסט עפעס איז לאו דוקא אז עס איז אינגאנצן אויסגעמעקט געווארן פונעם זכרון, נאר עס איז איבערגעדעקט געווארן מיט פרישע נייע אינפארמאציע, און דער אייבערשטער האט אזוי געמאכט אז די נייע אינפארמאציע דעקט איבער די אלטע און מען געדענקט מער די פרישע, און דאס איז פשוט א גרויסע טובה, אז מען דארף נישט געדענקען אלטע זאכן וואס

זענען שוין מער נישט נוגע, מען געדענקט נאר די זאכן וואס מען דארף האבן אויף יעצט.

און צומאל ווען מען זעט אדער מען הערט א געוויסע זאך וואס האט עפעס א קשר מיט דער אלטער זאך וואס מען האט שוין לאנג פארגעסן, וועט יענע זאך ארויף שווימען אויפן אויבערפלאך און מען וועט זיך עס דערמאנען, און בכלל קען מען זיך צומאל דערמאנען גאר אלטע זאכן וואס מען האט שוין לאנג פארגעסן, דאס ווייזט אז קיין שום זאך ווערט נישט אויסגעמעקט פון דעם זכרון-מעמארי, דער מח האט פלאץ פאר אינפארמעישאן בלי גבול, נאר אלטע זאכן ווערן געסטארעדזשט ערגעץ אין די בעק, און עס קען ווערן צומאל ארויס געשלעפט לעת הצורך.

רבי נחמן ברסלבער זאגט (שיחות הר"ן כו) אז ביי דער וועלט איז "שכחה" א חסרון, מען רעגט זיך אז מען פארגעסט, אבער ער האלט אז שכחה האט א געוואלדיגע מעלה, און דעם וואלט א מענטש נישט געקענט אנגיין אין לעבן, עס וואלט אים שטענדיג ארויפגעקומען שלעכטע קאשמארן פון דער פארגאנגענהייט, קומט אויס אז דאס איז א גרויסע טובה אז מען פארגעסט, און נאר אזוי קען מען ווייטער ממשיך זיין מיטן לעבן. גזירה על המת שתשתכח מן הלב, און די זעלבע מיט אנדערע צרות ווערט פארגעסן מיט דער צייט, און דאס איז א גרויסע טובה.

און ער איז ממשיך אז די זעלבע איז ברוחניות, עס איז אויך א טובה ווען מען פארגעסט אלטע זאכן, ווייל ווען א מענטש וואלט געדענקט אלע זיינע עבירות וואס ער האט געטון וואלט ער געווען אינגאנצן צעבראכן און ער וואלט נישט געקענט גארנישט טון אין עבודת ה'. פונקט דעמאלט ווען א מענטש וויל זיך זעצן לערנען אדער זיך שטעלן דאווענען, קומט דער יצר הרע און דערמאנט אים זיינע עבירות וואס ער האט געטון, און דער מענטש מיינט נאך אז דאס איז א גוטע זאך, מען דארף זיין צעבראכן אז מען האט געזינדיגט, אבער דער אמת איז אז דאס איז נאר מעשה יצר מיטן ציל צו צעברעכן דעם מענטש, "איך האב דאך נעכטן געטון דאס און דאס, ווי אזוי קען איך נאך יעצט דאווענען?", און כל שכן ווען מען וואלט געדענקט אלעס וואס מען האט אפגעטון מיום הוולדו ועד עתה וואלט מען דאך זיכער נישט געקענט אנגיין, און דערפאר דארף מען שטענדיג פארגעסן אלע דורכפעלער וואס מען האט געהאט, און מאכן אייביג א נייע התחלה, אריבערמישן דאס בלעטל און אנהייבן פון דאסניי, נאר אזוי קען מען מצליח זיין.

און אפילו פארגעסן דאס לערנען איז אויך א טובה. אזוי שטייט אין מדרש (קהלת רבה א, יג) אז דערפאר האט דער אייבערשטער געמאכט אז מען זאל פארגעסן דאס לערנען, ווייל אויב נישט וואלט מען געגעבן א לערן אפ די גאנצע תורה אין צוויי דריי יאר, און מער וואלט מען נישט געלערנט, אבער אזוי אז מען פארגעסט דארף מען אייביג לערנען נאכאמאל און נאכאמאל. אין אן אנדערע מדרש (יט, כ) איז דא משל צו איינעם וואס האט געדונגען ארבעטערס אז זיי זאלן אים אנפילן א פאס מיט וואסער, און ער וועט זיי צאלן אויף דער שעה ביז עס ווערט אנגעפילט, אינמיטן גיסן האבן די ארבעטערס באמערקט אז דער פאס איז גלעכערט און דאס גאנצע וואסער רינט ארויס, האבן א חלק ארבעטערס אויפגעהערט צו גיסן זאגענדיג "וואס האבן מיר צו גיסן, אז עס רינט ממילא ארויס?" אבער איין חכם האט געזאגט "וואס שטערט מיר אז עס גיסט ארויס, איך באקום סיי ווי באצאלט פאר יעדע שעה וואס איך גיס אריין וואסער", און די זעלבע איז ביים אייבערשטן וואס האט געהייסן צו אנפילן דעם קאפ מיט תורה, אבער ער האט אויך געמאכט לעכער ווי די תורה רינט ארויס, און דער חכם זאגט "וואס שטערט עס מיר? איך באקום שכר פאר יעדע ווארט תורה וואס איך לערן". און לעתיד לבוא וועט מען דערמאנען פארן מענטש אלעס וואס ער האט געלערנט.

על כל פנים, "פארגעסן" איז נישט אזא שלעכטע זאך, עס קומט צוניץ צו פארגעסן שלעכטע קאשמארן, מאנכע זאגן אז דאס איז די סיבה פארוואס מענטשן פארגעסן א דענטיסט אפוינמענט, פשוט ווייל אפילו עס איז זייער וויכטיג, אבער דאס ברענגט ארויף א נישט בא'טעמ'טע זכרון, קיינער האט נישט ליב צו זיצן אויפן דענטיסט בענקל, נאר מען האט נישט קיין ברירה, און דערפאר קומט עס נישט ארויף אין זכרון.

און דאס וואס מען האט שלעכטע זכרונות פון א טראומא א.ד.ג. וואס מען איז דורך געגאנגען, דאס איז ווייל די זאך האט גאר שטארק מעורר געווען די הרגשים פונעם מענטש, און דערפאר האלט מען עס אין איין איבערטראכטן, און "אז מען חזר'ט געדענקט מען", מען טראכט עס איבער אזויפיל מאל ביז עס ווערט אריינגעקריצט אין זכרון. מען קען זיך טאקע נישט אויסלערנען צו פארגעסן, אבער ווי וויינציגער מען טראכט איבער א שלעכטע זאך וואס עס איז געשען, ענדערש מישט מען איבער דאס בלעטל און מען גייט ווייטער, אלץ וויניגער וועט עס צוריק ארויף קומען אין די שפעטערע יארן. אן עצה צו דעם איז זיך אריינצולייגן דעם מח אין אנדערע זאכן, אין אינטערעסאנטע זאכן וואס אינטערעסירן מער, אזוי פארגעסט מען פון די צרות. אדער זאגן געוויסע אז ווען מען שרייבט אראפ די שווערע זכרונות אויף א פאפיר, דעמאלט דרוקט עס שוין נישט אזוי שטארק אויפן מח.

און דאס קומט אויך צוניץ ביים לערנען מיט קינדער, ביים מחנך זיין קינדער. א זאך וואס דער קינד האט זיך אויסגעלערנט מיט שלעק און מיט פחדים, אפילו יעצט וועט ער עס טון ווייל ער האט נישט קיין אנדערע ברירה, אבער ער וועט עס שנעלער פארגעסן ווי א זאך וואס ער האט זיך אויסגעלערנט פריילעכערהייט, און די זעלבע איז ביים לערנען מיטן קינד תורה, א שטיקל גמרא אדער חומש וואס איז אריינגעצווינגען געווארן מיט פעטש, וועט מען

אסאך שנעלער פארגעסן ווי א שטיקל וואס מען האט געלערנט מיט געשמאק, מיט א שיינע מעשה אדער משל צו דער זייט.

אין חיי מוהר"ן (תלב) שטייט א מעשה אז איד האט געברענגט זיין בר מצוה בחור צו רבי נחמן מברסלב אויף שבת, און ער האט א גאנצע וועג אסאך גע'חזר'ט מיטן בחור ווי אזוי מען מאכט קידוש שבת צופרי, ער האט נישט געוואלט האבן קיין בושות דארט אין שול, ער האט גע'חזר'ט מיט אים איינמאל און נאכאמאל, אבער למעשה ווען עס איז געקומען צום קידוש, און דער אינגל האט אנגעהויבן זאגן, איז ער געווארן אינגאנצן צומישט און ער האט נישט געקענט זאגן ווייטער, האט רבי נחמן געזאגט פארן טאטן "האסט מסתמא אסאך געמוטשעט דאס קינד און גע'חזר'ט מיט אים צו זאגן קידוש מיט גרויס פרעשור, און דערפאר געדענקט ער עס נישט. ווען דו וואלסט עס געלערנט מיט אים אויף א לייכטע אופן עטליכע מאל, וואלט ער עס בעסער געדענקט".

און ער איז אריין אין א שמועס אז דאס איז זייער א וויכטיגע זאך פאר מלמדים און מחנכים אז מען דארף לערנען מיט קינדער אויף א לייכטע וועג אן קיין פרעשור, און אזוי וועלן די קינדער קענען אסאך בעסער די לימודים, משא"כ ווען מען לערנט ווייל מען האט מורא און מיט די פרעשור אז מען דארף געדענקען, וועט מען עס שנעלער פארגעסן. ער האט געזאגט א ווערטל אז ווען מען לערנט מיטן קינד חומש מיט טייטש, און מען שרייט אן דאס קינד "געדענק שוין! געדענק שוין!" און נאכדעם ווען מען וועט איבערפרעגן דאס קינד, "וואס טייטש דאס ווארט?" וועט ער ענטפערן אז עס טייטש "געדענק שוין!"...

און צום שלוס לאמיר דערמאנען וואס דער רבי אין חדר פלעגט זאגן "האסט פארגעסן די דברים חומש? און צו עסן פרישטאג האסטו אויך פארגעסן?!" (דא קומט א פראסק), ווייל א זאך וואס מען פילט אז פעלט אויס צום לעבן דאס פארגעסט מען נישט. און דאס זאגט דוד המלך אין תהלים "לעולם לא אשכח פקודיך", פארוואס? "כי בם חייתנו" – ווייל דאס איז מיין לעבן!

---

**וויסנשאפט**

# פארמעקן זכרונות

קען מען אויסמעקן א שלעכטן זכרון? און קען מען א מענטש איינרעדן א זכרון פון עפעס וואס איז קיינמאל נישט געשען? א שמועס וואס האט זיך געצויגן צען יאר, פון 2012 ביז 2022.

פון **שרגא, מי אני און אנדערע**

קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • „פארמעקן זכרונות“ • 6טן מערץ 2012 – 1טן מערץ 2022
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/100.html

---

**שרגא** • 6טן מערץ 2012

האסט עפעס א שלעכטע זכרון פון אלס קינד, אלס בחור, אדער סיי ווען, וואס וואלסט געקענט באשטיין צו פארגעסן? אפשר איין טאג וועט עס זיין מעגליך צו אויסמעקן.

[פארקירצט]

אפשר וועט מען קענען (אדער אפילו זיין מחוייב?) צו אויסמעקן אלע מחשבות זרות איינמאל פאר אלעמאל.

**שמואל הלוי** • 10טן אפריל 2012

יעצט איז ארויסגעקומען א נייע בוך פון הוצאת שי, מיטן נאמען "די איבערראשונג", דארט ווערט אביסל ארומגערעדט אנפאנג ביכל פון דעם נושא פון מעקן זכרונות.

**מי אני** • 10טן יאנואר 2020

לגבי פארמירן לאנג-טערמיניגע זכרונות, איז אינטערעסאנט צוצוצייכענען די קעיס פון הענרי מאלעיסאן ל"ע. ער האט געהאט געליטן א בייק עקסידענט ווען ער איז געווען זיבן יאר אלט, וואס האט אים גורם געווען כסדר'דיגע גאר שטארקע סיזשורס. מ'האט אים שפעטער אין לעבן געמאכט א לאבאטאמי וואס האט אויך ארויסגעשניטן פון זיין מח רוב פון זיין היפאקאמפעס און זיינעביידע מידיעל טעמפארעל לויבס [ביידע זייטן].

מ'האט באמערקט נאכדעם אז הגם ער האט געדענקט זאכן פון זיין עבר און האט אויך געקענט פארמירן נייע קורץ-טערמיניגע זכרונות [פאר אפאר סעקונדעס], האט ער אבער מער נישט געקענט פארמירן (דערפון) קיין נייע

לאנג-טערמיניגע זכרונות וואס אנבאלאנגען צו דעקלערעטיוו זכרונות [געדענקען פאקטן און אנעקדאטן] (לעומת פראצעדורישע זכרונות, ווי למשל געדענקען (סאבקאנשיסלי) ווי אזוי צו פארן א בייק און אז פייער טוט וויי וכדומה, וואס ער האט יא געקענט).

דאס האט געוואוזן ווי דער היפאקאמפעס חלק פונעם מח איז פועל אויף טראנספארמירן די קורץ-טערמיניגע זכרונות אין צו לאנג-טערמיניגע זכרונות (לגבי דעקלערעטיוו זכרונות), ווי אויך די אפעקט פון די מידיעל טעמפארעל לויבס אויף זכרון.

**מי אני** • 6טן אפריל 2020

דר. דזשארדזשי בוזשאקי און דר. דוד טינגלי טענה'ן אז פונקט ווי אין פיזיקס האט מען געטוישט אונזער גאנצע צוגאנג צו ווי אזוי אונז פארשטייען און טראכטן פון זמן ומקום, איז די זעלבע דארף מען טוישן אין ניוראסייענס און זיכרון ווי אזוי אונז באטראכטן דאס לגבי ווי אזוי זכרונות ווערן ענקודעד אינעם מח; נישט אלס אבסאלוט.

אין אנדערע ווערטער, זיי האלטן אז עס איז ל"ד אז די מח טוט בעצם ענקודירן פאר זמן ומקום, ווי איידער אז עס זעט אויס פאר די עקספערעמענטירערס אזוי (זיי זענען דאס מסמיך עפ"י די סייענס שבו [וואס פאסירט ביי די טעטא סייקעלס, סתם סיקווענסעס וכדומה], ווי איידער "פילאזאפיש"). דאס איז קעגן די וואס זאגן אז חלקים פונעם היפאקאמפוס און אנדערע חלקים פונעם מח טון פארעמען זכרונות דורך ספעציפישע ניוראנס וואס ענקודירן פאר מקום און ניוראנס וואס ענקודירן פאר זמן וכו'.

*

אין דעם שמועס איז אינטרעסאנט צו דערמאנען אז אגוסטין האט געזאגט אז די גאנצע מושג פון זמן איז אך ורק אינעם מענטש'נס מח ע"י זכרונו. דהיינו, ס'איז בעצם נאר דא הוה, דאס איבעריגע איז נאר דא מכח די זיכרון פונעם מענטש. דהיינו, עס איז דא א "הוה" פון "עבר'דיגע" זאכן, א "הוה" פון "הוה'דיגע" זאכן, און א "הוה" פון "עתיד'דיגע" זאכן.

דער פסיכאלאג דר. וויליאם דזשעימס האט געהאלטן פארקערט. ער האט געהאלטן אז ביי מקום קען מען דאס נישט רעכענען אן האבן עפעס א בענטשמארק צו רעכענען די מרחק וכו', וממילא איז דאס גאנצע מושג פון מקום תלוי בזה: עס צו רעכענען בנוגע דאס וואס עס אנהאלט. די זעלבע איז ביי זמן: ס'האט נאר א פשט און מ'קען עס נאר רעכענען בנוגע דאס וואס עס אנהאלט, און דאס איז אונזערע מחשבות און פערסעפשאנס. און פון דעם קומט אויס אז זמן איז דאס וואס אנהאלט אונזערע מחשבות, ווי איידער פארקערט אזוי ווי אגוסטין'ס מהלך.

**מי אני** • 28סטן פעברואר 2022

עס איז ידוע אז מ'קען מאכן א מענטש "געדענקען" זכרונות וואס האבן קיינמאל נישט פאסירט; מעמארי אימפלענטעישאן. ווען מען געבט פאר מענטשן אפאר זכרונות און צווישן זיי זענען דא פאלשע, וועלן זיי פיל מאל פונקט אזוי "(ממש) געדענקען" די פאלשע. דאס איז וואו די מעשה "מאכט סענס" בכלל, האט טאקע בעצם "געקענט" פאסירן צו זיי, און דערנאך וואו מ'איז זיי מעודד צו פערסיוון פאנטאזיעס פון דער מעשה ווי "זכרונות".

דאס ארבעט אויך צוזאמען דערמיט אז יעדעס מאל מען רעטריווט עפעס פונעם לאנג-טערמיניגן זכרון צום ווארקינג זכרון, איז ווען מען לייגט דאס נאכדעם צוריק אינעם לאנג-טערמיניגן זכרון ווערט עס פון פריש רעקארדירט דארט און ענקודעד מיט קליינע שינויים.

כ'האב געקלערט אז מיט דעם קען מען אפשר (אנאכראניסטיש) אביסל מסביר זיין מהלכו של הרמב"ם בהל' עדות (פ"ח ה"ג). די גמרא זאגט בכתובות כ:

„ואי צורבא מרבנן הוא אפילו עצמו כי הא דרב אשי הוה ידיע ליה בסהדותא לרב כהנא אמר ליה מי דכיר מר האי סהדותא אמר ליה לא ולאו הכי והכי הוה א"ל לא ידענא לסוף אידכר רב אשי אסהיד ליה חזייה לרב כהנא דהוה מחסם א"ל מי סברת עלך קא סמיכנא אנא הוא דרמאי אנפשאי ואדכרי"

דער רמב"ם לערענט אפ די גמרא אז אויב איז דוקא דער בעל דין, ווי איידער דוקא דער עד כפירש"י, א צורבא מרבנן דאן איז אפילו ער דערמאנט דעם עד איבער דער מעשה און נאר אזוי געדענקט דער עד, קען דער עד מעיד זיין פאר אים. (און דאס איז נאר ביי דיני ממונות.) והקשה עליו הכסף משנה וג"כ בב"י חו"מ סימן כח אז טאמער איז דער עד נישט א ת"ח מאן יימר אז ער מאכט זיכער אז דאס איז א ריכטיגע זכרון און פארלאזט זיך נישט אויף דברי התובע ע"ש. דער ב"ח דארט איז מסביר ווייל טאמער איז דער בע"ד א ת"ח איז ער טאקע חושש אז דער עד איז זיך סומך נאר אויף אים וממילא לא ינוח ולא ישקוט ויחקור וידרוש אז ער איז זיך נישט סומך אויף אים ע"ש. ולפי הנ"ל קען זיין די געדאנק אויך ווייל ער, זייענדיג א חכם ות"ח, ווייסט ביי"ד אז ער איז אזא איינער וואס ווייסט ווי אזוי אים צו דערמאנען אויף אזא סארט אופן אז עס זאל נישט זיין לידינג און דאדורך אימפלענטן א זיכרון וואס ער וועט באמת גלייבן הגם עס איז נישט ריכטיג. משא"כ ווען דער בע"ד איז נישט קיין ת"ח,

ואפילו דער עד יא, אפשר האט ער אים "דערמאנט" אויף אזא סארט וועג וואס אימפלעגט די זיכרון אין אים שלא בידיעתו. אולי. (עס ווערט טאקע שווער לויט דעם אז פארוואס דער אנדערער עד קען יא דערמאנען ולא שנא אם הוא ת"ח או לא. ואפשר ווייל ער איז ממש א חלק פון דער מעשה בתורת עדות כמו זה שהוא מזכיר איז אז ער האט א נאמנות אויף דעם האט ער אויף אים אויך אז ער אימפלעגט נישט.)

**היסטאריע** • 1טן מערץ 2022

„עס איז ידוע אז מ'קען מאכן א מענטש "געדענקען" זכרונות וואס האבן קיינמאל נישט פאסירט"

איז עס נישט נאר געזאגט געווארן לגבי קינדער? איך קען נישט זען איך זאל מיר לאזן איינרעדן אז א מעשה איז אמאל צו מיר געשען, אדער אז איך האב עפעס געטון און איך זאל באמת מיינען אז עס איז געשען.

**מי אני** • 1טן מערץ 2022

מיט קינדער איז טאקע גרינגער אבער אפילו ביי ערוואקסענע זעט מען דאס. [פארקירצט]

---

**איבערלעבונגען**

# א באבע באזוכט מען

א באזוך ביי דער עלטער־באבע: א קליינע דירה העכער די סטארס, טשאקאלאד פאר די אייניקלעך, רויע מאנדלען, און מעשיות פון אמאל.

פון **ליטוואק פון בודאפעסט**

קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • „זכרונות פון די יונגע יארען" • 18טן נאוועמבער 2018
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12719.html

---

יא, ערלעדיגט. מ'גייען מיר באזוכן די עלטער באבע. געוואוינט האט זי אין א קליינע דירה העכער די סטארס, און קוים וואס מ'האט זיך געקענט ערגעץ זיך ארום דרייען אין די קליינע צימערן וואס זי האט גענוצט פאר איר לעבן. אבער, א באבע איז זי פארט, און מ'באזוכט ווייל זי איז א באבע. פארוואס, פרעגסטו? פרעג מיר א לייכטערע שאלה, עפעס אויף הלכות עגונות. מ'גייט באזוכן די באבע ווייל א באבע באזוכט מען. וואס דען? מ'זאל איר אויפעסן? וואס דען טוט מען מיט א באבע? אחוץ באזוכן איז נישט דא וואס צו טון.

שוין, מיר פאקן זיך איין אין קאר און מ'פארט דארט אראפ. מיין ברודער שטופט זיך אריין אין מיר, און איך גיב אים א ציפ. פאר מיר הענגען די צעפ פון מיין שוועסטער און לא ניתנה תורה למלאכי השרת, האב איך זיי א שלעפ געטון. טאטי פון פארנט סטראשעט אז מ'לייגט שוין אין גאס און איך וועל מוזן גייען צופוס. בקיצור, אלס איז פונקט אינדעראָרדנונג, ווי געראכטן און געהאפט.

און מיר קומען שוין דארט אן, בשעה טובה ומוצלחת. פון די ערשטע טרעפ הערט מען שוין ווי זי זינגט 'ברוך הבא, מיין טייער קינדער זענען דא'. איר אונגארישער אקצענט אויף די אידיש ווערטער, א שפראך וואס זי האט אדאפטירט נאך דער חתונה ווען איר פוילישער מאן האט קיין אונגאריש נישט גערעדט, און פויליש האט זי נישט געוואלט זיך אויסלערנען, איז פרעמד צו אונזער ליטווישע אויערן. אבער א באבע איז א באבע, און א באבע באזוכט מען.

ווען מיר זענען געבוירן געווארן, די ערשטע אור-אייניקלעך צו דער אונגארישער באבען, האט זי נישט געוואלט הייסן 'עלטע באבע'. דאס קלינגט צו אלט אין איר יונגע אויערן, און הגם זי האט געדענקט די ערשטע וועלט'ס קריג מיט א קלארקייט, האט זי זיך געהאלטן ווי א יונגע פרוי, וואס לויפט ארום, קאכט און קויפט איין, און ווייסט נישט זיך אפצושטעלן. מיר האבן איר גערופן די 'אנדערע באבע', און דאס האט זיך אנגעהאלטן א פאר יאר, ביז די קאזינס האבן זיך אנגערוקט, און זיי האבן שוין געהאט אן עלטער זיידע פון דער אנדערער זייט, וואס האט זיך ווייניג געקימערט מיט

ווי אלט מ'האלט אים צו זיין, און עלטער איז אריין געקומען אין דעם לעקסיקאן.

שוין, מיר גייען מיר אריין, און די קוקוריקו זייגער קלינגט שוין. אמער, א פערטל שעה איז שוין אריבער זייט די לעצטע מאל וואס די זייגער האט זיך געלאזט הערן, און באלד וועט מען מיינען אז זי איז הייזעריג געווארן. לאזט זי ארויס א קריי ווי א האנדל, און דערנאך רוט זי זיך איין און זי זיצט ווייטער אין איר שאפע. ב"ה, יעצט איז שוין שטיל, ווי די שפרינדווארט גייט.

אז מ'איז שוין ביים באבען, מוז דאך זיין טשאקאלאד. דאס פארטיילט באבע פאר די אייניקלאך און אור אייניקלעך צוגלייך. וואס איז די הכשר אויף די טשאקאלאד? א געניטע אויג וואלט באמערקט אז טאטי רירט גארנישט אן פון די טשאקאלאדן, אבער גענוג שכל האט ער דאך געהאט נישט עפעס צו דערמאנען פאר זיין קינדער. ער איז דאך א טאטע, ניין? מאנדלעך זענען אויך אויפן טיש, אבער פאר עפעס א סבה האט זי געהאלטן פון רויע מאנדלעך דוקא. איך האב אייביג געמיינט אז זי האט א ספעציעל'ן טעם אין איר מאנדלעך, ווייל איך האב זיי קיינמאל נישט געזען ערגעץ אנדערש. ביז איך האב געכאפט אז אירע מאנדלעך זענען געווען רוי, און אין אנדערע ערטער זענען זיי געבראטן.

זי האט געהאט א טעלעוויזשען אין שטוב, זי איז דאך אן אלטע פרוי און נישט איר האט מען געמיינט ביי די גרויסע צעטליך און בילדער פון קינדער וואס ווערן מאלפעס פון קוקן טעלעוויזשע. אבער איך האב עס קיינמאל נישט געזען אנגעצינדן. זי האט אייביג עפעס געקאכט, עפעס געבאקן און צוגעגרייט. זי אליינס האט קיינמאל אבער נישט געגעסן פון איר ארבעט. א רונדיגע געשטעל האט זי געהאט, און זי האט גארנישט אריין גענומען אין מויל אריין! זי פלעגט טראגן איר העלדזועל און לעבער, גריבענעס און גאלא, פאר פארשידענע מענטשן אין שטאט. די וואס האבן שוין נישט געהאט קיין כח צו קאכן (טעיקאוט האט דעמאלס נישט עגזיסטירט. אחוץ אפשר פיצה) האבן באקומען פעקלעך פון איר. אומגעראכטן איז זי אנגעקומען, א קלאפ געטון אויפן טיר, און נאך ווען יענער האט זיך אנגעשאקעלט צום טיר אין די פאנטאפעל, איז געשטאנען מיין עלטער באבע מיט א פעקל אין האנט. 'שנעל שנעל, עס איז נאך ווארעם. כאפ אריין איידער עס ווערט קאלט'. און דערנאך זיך שנעל און פלינק זיך אפגעפוצט.

מיר זיצן דארט און זי פרעגט על דא ועל הא. אבער ווילאנג דארף מען שמועסן? איר ברודער האט אונז שפעטער פארציילט 'פון אלס קינד איז זי געווען די שטילע פון די שוועסטערס. אנדערע האבן קאמאנדעוועט און געשריגן, און זי האט געוואוסט וויאזוי צו שווייגען'. און זיצן זיצט זי דארט שטיל, און באקוקט נחת פון די אייניקלאך. זי אוט און אאאט אוי יעדער נייע צאן אין די קליינע מיילער, יעדער וואס איז געווארן אזווווי גרויס אז מ'דערקענט זיי שוין נישט, יעדער וואס קען אויפעסן א גאנצע שטיקעל מזונות אליינס, אלס פונקט ווי ערוווארטעט.

דער שטילקייט ווערט שוין אביסל צו לאנגווייליג, און די באבע פאנגט אן פארציילן א מעשה. נישט ווייט פון איר שטוב האט זיך געעפענט א ביבליאטעק פון אידיש ביכער, און זי פלעגט פון דארט בארגן, ליינען, גלייבן און דערנאך פארציילן. 'ווי עס געפעלט מיר די צוויי הייליגע ברידער, נעמען די טארבעל אויפן אקסעל און גייען אין גלות פאר אידען'ס טוועגען'. מיין טאטע גיבט מיר א וואונק, איך ווייס א ער גלויבט גארנישט אין די סארט געשיכטעס, אבער א באבע איז א באבע, און א באבע באזוכט מען.

---

**אבער א באבע איז א באבע, און א באבע באזוכט מען.**

---

זי נעמט זיך דערציילן פון בארג און טאל ושאר ירקות. מיין אויפגאבע איז צו געבן א קליין שטופ צו מיין טאטע טאמער ער הייבט אן שנארכלען. זי זאגט און זאגט, און די אלע מעשיות מישן זיך אויס אין איין גרויסע פריץ, קלעפ, ארימאן, רב, שוחט, ראש הקהל, בלאטע, פערד, שמייסער און רויע מאנדלען. ווייל א באבע באזוכט מען.

**היסטאריע**

# וועגן קאטשקעס און פירזאגערינס

א שליח אין זאפאראזשע געדענקט די שול פון זיין קינדהייט: דער גבאי וואס איז געווען ניינציג יאר אלט, די ווייבער מיט די תחינות, און מלכה'לע די פירזאגערין.

פון **הרב מיכאל אושי** • ארויפגעלייגט פון Hirshel Tzig אויף זיין בלאג

די ערשטע חסידישע בלאגס • Circus Tent • „וועגן קאטשקעס און פירזאגערינס... – זכרונות פון די נישט ווייטע פארגאנגענהייט“ • 7טן פעברואר 2013
https://ershteblogs.sites.tab.bot/circustent/2013/02/3.html

די קומנעדיגע ווערטער האב איך געשריבן צו א חבר וועגן 'מיין שול', דער שול וואו איך בין אויסגעוואקסן אלס קינד. איך האף – און איך מיין טאקע – אז עס וועלן זיין דא א מענטש אדער צוויי כאטשיע, וואס זאלן דאס ליינען מיט גרויס אינטערעס.

"איך געדענק נאך אזעלכע, אין שול .. אז דער אייבערשטער איז "געשטארבן מיט זייערע עלטערן, שוועסטער און ברידער, אין דער 'מאלכומע'". אבער זיי פלעגן גיין יעדער שבת אין שול אריין, שבת'ע נאכט און שבת בא פרי. געדאוונט אלצדינג, פון אנהייבס ביזן סוף, און מלחמה געהאט אויף יעדער קליינשטשיקער מנהג אין שול, ווייל "דאס איז אונדזערע אידישקייט". איך געדענק די ווערטער ווי איך וואלט עס געהערט אט אצינדערט – "מ'דארף קענען. נישט זיין פאנאט – אבער קענען". די מענטשן, געדענק איך גוט. מיר האבן געהאט א גבאי, יענקל האט ער געהייסן, און 90 יאר אלט איז ער געווען. א פוילישער איד, מיין איך. ער פלעגט פארמאכן די ווענטילאטארן אום ליל-שבת, נאכן דאוונען. און אז מיין טאטע האט אים א זאג געטאן – "יענקל, שבת!" פלעגט ער ענטפערן, קורץ און שארף – "ר' ברוך, דו צאלסט..?!" אז מ'רעדט שוין וועגן יענקל דער גבאי – ער איז געווען 90 יאר אלט, זינט איך געדענק אים – איך בין געווען 4 יאר אלט - ביז זיין לעצטער יאר – איך בין שוין געווען א ישיבה-בחור. אלעמאל, ער איז געווען "ניינציק יאר אלט"...

איך געדענק נאך די 'פירזאגערין' – ווייסטו וואס איז דאס? ווייבער, פלעגן דאך זאגן 'תחינות'. אבער ליינען אידיש האבן זיי דאך נישט געקאנט... דערפאר האט די שול געהאט א מין 'חזן'טע' – זי פלעגט זיי אויסליינען א תחינה, יעדער תחינה לויט א בקשה. אזא מין חזן'טע האט געהייסן – א פירזאגערין. איר 'נאמען' איז געווען – 'מלכה'לע סאלדאט'. מסתמא אזא נאמען האט מען איר געגעבן ווייל זי האט זיך געפירט מיטן מאן און קינדער אלס גענעראל...

די 'צערעמאניע' האט זיך אנגעהייבן בשעת'ן פתיחת-הארון – "אויסנעמיס" – אויף ווייבער-שול לשון. די מענער פלעגן יעמאלט ארויסגיין, רויכערן און רעדן (שבת, יום-טוב, ראש-השנה, נישט קיין חילוק. נאר אום יום-כיפור האט מען קיין ציגארעטל נישט גערויכערט, נאר די "בערדישע" געזען) און אינעווייניק, אין שול, זענען געבליבן נאר די "בערדישע" – די אידן מיט די בערד. 'חרדים'. יעמאלט זענען זיי געווען נישט מער ווי א מניין מיט א האלב, צום מערסטנס. די אנדערע פלעגן צוריק אריין קומען ווען ס'האט זיך דערהערט דעם 'יקום פורקן' – דעמאלטס פלעגסטו הערן פון דער אויסן "שוין, מ'הייבט אן".

און די ווייבער, בשעת'ן פתיחת-הארון, פלעגן אנהייבן – "מלכה'לע, פאר מיין זון, ער דארף שוין האבן א כלה". "מלכה'לע, פאר מיין מאן, פלאצן זאל ער, אויף געזונט" – און מלכה'לע הייבט אן מיט די תחינות, יהי רצון אהין, יהי רצון אהער. און וואס מער געלט וואס מ'שטעקט אריין (שבת, יום-טוב, ראש-השנה, יום-כיפור, מאכט נישט אויס. בדנפשות – שאני) – וואס מער גיט מלכה'לע מיט געפיל און טרערן... און אז די ווייבער פלעגן שוין נישט זאגן, נייערט קוויטשען, פלעגט יענקל דער גבאי געבן א געשריי: "קאטשקעס, שאט'ס!" און איך, אפשר ביז מיין בר-מצוה, בין געווען זיכער, אז 'קאטשקעס' – הייסט 'ווייבער' אויף אידיש..

**א שמועס פון דער וואך**

# מיינע זיסע זכרונות פון חיידער

„בונעס איירעס“ האט געעפנט א שמועס וועגן די חיידער־יארן, און באלד האט יעדער געהאט א מלמד צו דערמאנען – א גוטן, א שטרענגן, און איינעם מיט שפיציגע שיך.

פון **בונעס איירעס, berlbalaguleh, שמעקעדיג און אנדערע**

קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • „מיינע זיסע זכרונות פון חיידער! מיינע קינדער יארן!“ • 1טן – 18טן יאנואר 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2649.html

**בונעס איירעס** • 1טן יאנואר 2013

דאס יונגעלע וואקסט מיר קנ"ה אונטער און ער ברענגט מיר אהיים זיינע זיסע דעטאלן און מעשה'לעך פון חיידער מידי יום ביומו. דאס טוט מיך אויפרישן דעם זכרון און פירט מיך צוריק צו דער נישט ווייטער פארגאנגענהייט, ווען איך בין געווען דער קליינער מיט דער גאנצער קינדישער תמימות צו מיין טאטן, און געזיצן ביי מיין רבין אין חיידער און געטייטעלט מיט די פינגער. אלזא מיר אלע האבן און דערמאנען זיך כסדר געשמאקע, און צומאל שמערצליכע חיידער טעג, איז כדי מיט אווארעם גלעזעל קאווע און טאקע אינעם ווערץ הייזעל דאס אויפצובערענגען, דאס איז דאך ריכטיגע נאסטאלגיע פאר יעדן פון אונז.

און עס צווינגט זיך דאס לידל.. קינדער יארן זיסע קינדער יארן.. עס וועט מיר אלץ בלייבן וואך אין מיין זכרון

**בונעס איירעס** • 1טן יאנואר 2013

מיין מלמד אין כתה ה' גראדע א גאר פיינער מלמד געווען א סאלידער רואיגער מענטש, וואלט אים געשטעלט מער צו דער עצלונ'דיגער זייט, כסדר געהאלטן א קאווע אינדערהאנט און געזיפט שטילערע זיפלעך, גראדע אויך געווען א רויטליכער האט אבער נישט געשאדט, ער האט געהאט א דינעם פאן שטעקעלע נישט אויף צו שלאגן נאר פשוט פאר דעם גרודער וואס דער פאן שטעקעלע מאכט שניידענדיג די לופט אויף איר וועג אראפ, בקיצור א פיינער רבי געווען אלץ געהאט אין ציגישן שמייכעל אויפן געזוכט און געגעליכן די קלוגע כיטערע קינדערליך וואס גלייכן זיך צו פארמעסטן מיטן רבין...

מיין קלאס איז געווען אויסגעשטעלט אזוי: א חית מיט עלטערע טישן און פארשינדארטיגע בענק צוגעריקט צו זיי, און אזוי די קינדערלעך אויסגעזעצט ארינגס און ארום... און פון פארענט איז געווען דעם רעבינס טיש מיט זיינע קלאפער געצייג די יונגע צוויבלעך, רייז מילך, זאלציגע ניסלעך, און לײדיגע קיבלעך (קאנטעינערס) פון מהדרין יאגורט וואס דערין איז געליגן די צוגענעמנע שפילצייגן און סילי פאטיס וואס ער פלעגט צו פארכאפן איבערן טאג פון אירע הערשער, און נאך עפעס געוויסע סודותלעך וואס מיר האבן קיינמאל נישט געהעריג געקענט דערגיין.

און דארט פארענט פון זיין טיש איז געווען נאך איין טישל... פאר די חברה פעיפערס פוילע יונגען וואס האבן קיינמאל נישט געוואוסט וואווי ארויסצוקריכן פון דעם "וואו האלט מען" פראבלעם...דער רבי פלעגט צו זעין אז היצט איז א שעת הכושר דער יונגעל חלומט אוועק פלעגט ער גיבן א שפרינג צו מיט אזא.. וואו האלט מען??? איו דער האט זיך וואו אויפגעטרייסעלט פון זיינע זיסע חלומות און אוודאי נישט געוואוסט אויף וועלכע וועלט ער געפינט זיך, און אריינגעקוקט מיט קעלבערנע בליקן צום רבין אוואו איינער פאדערט רחמנות.

אלזא געשלאגן האט ער נישט, אבער ער האט דאך א פראבלעם געהאט מיט אט די קינדער וואס קענען צומאל גוט ארויסנעמען פון די כלים דייקא דעם רואיגן מלמד, ווען עס גרייכט דאנערשטאג און מען הייבט אן דורך גיין נאך א וואך פון הארעוואניע די גמ' פלעגן דאך די דאזיגע-דער פארענט טישל, די גאנצע וואך אפגולמען אויפן דאך זיך ארומוויקלענדיג מיט דעם הענגעדיגן פורהאנג אויף דער וואנט און אזוי געהאנגען האלב און די לופט האלב אויפן טיש, און צוקייען פאפירלעך, מאנכע פון די גאר גוטע קעפ פון אט די פלעגן אויסרעכענען בערך וויפיל צוגעל באשטייט די כתה אונזערע, און דערנאך ביים שפילן גיין פלעגט ער נאך מיט א שמחה דאס מיר קומען פארציילן (גיי ווייס)

אמילא ווען ס'איז געקומען זייערס א טשאנס און מען האט זיי א פרעג געגעבן עפעס פון דער גמ' האט עס אוואו אן אומגעלונגענעם אחרון פסח קניידל געלאנדעט אויף זיין קאפ, אבער דאן פלעגן גלייך אפירקומען די גוט הארציגע צו רעסקיא און "אונטער זאגן" האט דאס געהייסן, אבער דער

באטרעפענדער פונעם הארטן קניידל האט נישט אלץ געכאפט וואס דער אונטער זאגער זאגט, אים האט זיך צוגעדאכט עפעס אן אנדער ענדליכער ווארט וואס מען האט געלערנט געווי א יאר דערפריער, האט ער דאס ווארט א ווארף געגעבן דעם מלמד און פרצוף זיינער און אלו מציאות מיט עפעס א ווארט וואס ער דענקט פון פאריאר פון שנים אוחזין בטלית..

נא שטעלט אייך אוודאי פאר דער מלמד האט דאך געוויסט וואס קומט, ער קען דאך זיין תכשטיל נישט פון היינט... נאכען דערמאנען לשבח דעם נאמען א זעכציג זיבעציג מאל טייטעל, קלאץ נישט, קוק נישט, גיי נישט, בית הכסא באלד, טיילענאל פונעם מנהל ביי פאזע, און אזוי ווייטער. שטעלט איר זאך אוודאי פאר אז ער האט ענדליך די געמאכטע רואיגקייט געבראכן איינמאל פאר אלעמאל, און ארויס געשלעפט דעם בייסיגן קאנטשיג פונעם באהעלטעניש זיינער, וואס איז געווען פארצייכענט מיט דעם "עמלק" דערויף. און דעם נעבעכדיגן קינד אונטער געליינט אויף הונטערוויילעכטס און אנגעהויבן ציילן מיטן גאנצען עולם באנאזאם וואס?? ניין!!!

הערט גאר א בעסערער עצה האט דער רואיגער מלמד געהאט דער איז געווען אזא מין קאמאטישער פוילער מענטש אז שלעק איז געווען צו א גרויסן איבערשטרענגונג פאר אים.

בימים ההם געווען איינער מיטן נאמען זונדל בערמן געהאט האט ער א דרוקעריי פון ספרים ער פלעגט מוציא לאור זיין די דינע גמ' (אויב דענקט איר זיי) אויף די פרקים וואס מען לערענט אין די חדרים, פלעגט צו זיין אן אלו מציאות'על, א הישן תחת המטה, א ביצה שנולדה ביו"ט, עס האט געהאט אזא דינטשיגן פאפירענעם דעקל, אמאל א בלויער פארב אמאל א רויטער פארב, דער רבי מיינער האט אויך גענוצט אט דעם אלו מציאות גמ' און ער פלעגט דאס אזוי איינצובייגן און צווייען און אזוי זיך געדרייט צווישן עולם.

ביי אט אונזער פאל פלעגט ער דעם קאווע שאל א ווילדן שטעל אוועק געבן סיי וואו, און אפילו געמאכט זיכער אז דאס גיסט זיך נאך אויס אויך, און צו דעם נעבעך אומבאהאלפנעם קינד צוליפן פונעם אנדערן עק קלאס מיט אזא מין אימפעט, אזא געמאכטן מזרח ווינט אז מעהאמיר געמיינט אז דער בנין גייט איין, צוגעלאפן צו דעם קינד און מיט דעם אילו מציאות'ל גמ' אזא מין שרעקליך ביליגן קלאפ געגבן אויפן קאפ פונעם יעניגן, מיט אזא שפאטישן מאך מיט די הענט געטון און א קרומען גרימאס געגעבן מיט די ליפן און פון אונטער די רויטע וואנדזשעס אויסגערופן אזא לאנגען יואוי!! אוואו איינער זאגט די פערד גיי שוין גיי... פון דיר וועט א מיסט קאסטן טרעקל מנהיג אויסוואקסן.. אט דאס האט דעם קינד געשטעלט און פלאץ נאך פיל מער וואו געזונטע קלעפ, דאס ביטול וואס דער רבי אונזערע האט אים צוגעטיילט! דאס קומענדיגע וואך האט ער שוין געמאכט זיכער צו קענען דעם אלו מציאות'על פון זונדלען.

**טעפל** • 1טן יאנואר 2013

בונעס דו האסט א זיסע פעדער...

ס'האט שוין אויסגעזען גלייך אין דיין ערשטע תגובה אז דו האסט נישט געהאט קיין רבי'ס רוצחים, אויב יא בין איך זיי נישט מקנא ווען דו גייסט זיי צונעמען אויף פיצלעך...

**שמעקעדיג** • 1טן יאנואר 2013

יא יא. וואויל איז דיר!

מיין כיתה ה' רבי איז געווען א רוצח במלוא מובן המלה..

[פארקירצט]

**שמעקעדיג** • 1טן יאנואר 2013

אז מען רעדט פון די זכרונות פון די יונגע יארן, איז נישט מער ווי רעכט צוצוברענגען אן ארטיקל פון מיין אור-אלטן-באליבטן שרייבער, יענטאאש.

אט האט איר:

[פארקירצט]

**בונעס איירעס** • 1טן יאנואר 2013

מיינט נישט טאקע.. איך האב אויך געטרינקען פון דעם "כוס התרעלה" פון אונזערע האלב גייסטיגע מלמדים!!

[פארקירצט]

און אונזערע צייטן האט געהאט דאס קלייבן א מלמד א זונלאזן באדייט

די הנהלת הת"ת האט זיך א לאז געטון צום כולל אברכים און זיך גוט אומגעקוקט ווער פון די אלע גייען צו גארנישט אפטויגן און זייער קאלעכיגן לעבן, האט מען אויף זייער געזונדל רחמנות געהאט און זיי געוואלט מהנה זיין מיט א מתן בתסר בדרך כבוד, האט מען דעם גייסטיגן דערלאנגט א בליטשאיגן כאלאטל מיט פארשידענע קנעפ באצירט דערויף.. און רח"ל אנפארטרויערט מיט א קלאס פון אומשילדיגע קליינע עופת'לעך..

און דער האט געהאט א מקום מנוחה פארן טאג.. און צו דער זייט נאך אינטערטעינמענט אויך.. און א באהאלטענעם

שאפע וואו צו ליינען די צייטונג יעדן מיטוואך... און א מלמדים שטיבל וואו אויפצוגרעבטשען דאס חיידער סאלאט מיט ציבעלע..

נאר וואס דען א גוט קעפעל האט דער אויבערשטער מיך געשאנקען געקענט האב איך אלץ פון די ערשטע, האט זיך דער מלמד נישט געקענט אזוי איזדיקוווען אויף מיין זעל.. אבער צוליב דעם פלעג איך צו טון שליחותן או אויספירן אנדערע שגענונן פאר אט די צורידעטע. האב איך מיך באקענט מער מיט דער אנדערער זייט פון דער מטבע - דאס הייסט דעם אמתן פעלערהאפטיגן דמות פון דעם מלמד מיינעם, זיינע טיפע שגענון און סטופיטעדיס.. (און מיט דעם וועל איך מיך מער אפגעבן דא, עס וועט אפשר זיין אויפן הומאריסטישן גאנג, אנשטאט ענגער און וויטאג וואו וועו מען רעדט געוועגדליך פון די מלמדים, ווייל דאס איז דער פועל יוצא רעדענדיג פון זיי פון מיין פראספעקטיוו וואו אויך האב זיי געקענט) און פארשטייט זיך אז כסדר צו צוקוקן אחזריותדיגע שלעק אויף זיינע קרבנות - מיינע חברים. האט אויף מיר אויך איבער געלאזט שווערע צייכענס פון פחדים פארן יאר, און אוודאי צומאל האב איך אויך אריינגעהויבן מכות ווייל אים האט זיך צוגעדאכט אז איך טו מיך מיט גריגשעצונג מתחצף זיין צו זיינע קאפריזן. אדער אנדער אויפשוידערדיגע פעלער וואו איר וועט זיך בעז"ה באגעגנען.

מיינע יוגנט צרות האבן זיך אנגעהויבן מער און די ישיבה יארן ווען אונזערע מחנכים (מגי"ש איז געווען זיייער טיטול) האבן געוואלט אז זיי זאלן קיין פינגער און קאלט וואסער נישט ברויכן צו לייגן נאר פשוט קענען דעקן דעם לעקטעריק ביל מיט דעם ארימען געהאלט זייערן און אז דער סיסטעם זאל זיך פירן וואו א שבת זייגער.. און אז דער יונגער ביימעל זאל זיך צובליען אן אים באוואסערן ... (בקיצור געמאכט פון מענשטליכע ברואים א מאשינערי פארבריק) פארשטייט זיך אז מיין געוויסן האט דאס נישט טאלארירט איך בין געווען א יונגער קוים וואס געבוירענער בן אדם וואס ג-ט האט איינגעפעדעמט און די בריאה זיינער, אז א יונג ביימעל ברויך מען צו בארבייטן אריינלייגן עכ"פ די מינימום כוחות אז ער זאל עפעס א נארמאלער געוואקס זיך צובליען, פאר עפעס א זאכליכער סיבה בין איך דאך נישט געבארן געווארן און א וואלד און איך זאל מוזן אליינס מיך אויסלערנען דעם הלוך ילך פונעם וואלד לעבן,

דער מגי"ש האט דאך אבער מער וואו אריינבליקן אינעם ישא ברכה זיך קראצענדיג און קנייטשענדיג דעם שטערן זיינער צו פראבירן כאפן דאס פשוטע וואס דארט ווערט געשריבן!! האט ער צו גארניקסט געטויגט.... נאאא?? האט איר געוואלט ער זאל זיך מיט מיר קענען אן עצה געבן ???

[פארקירצט]

**עוד מישהו** • 1טן יאנואר 2013

בוענסיירעס אינטערסאנטע ארטיקל, ספעציעל ווען רוב רבי'ס זענען געווען מרביצי תורה לעדרים, מרביץ תרתי משמע פאר ווער ס'קען עברית.

יעצט רעדנדיג פון קינדער יארן דערמאן איך מיך פון מיינע צייטן, מיין כיתה ו' רבי איז געווען נישט קיין קליינע אכזר און בלוט צאפער, ווען די יאר האט זיך געענדיגט האבן אלע קינדער געוואלט זאגן ברוך שפטרני, נאר דעם ערשטן טאג אריינגייענדיג אין כיתה ז', האט דער נייער רבי וואס איז געווען פון עלטערן דור, געוואלט וויזן אז ער איז נישט קיין מפיל קינד, האט ער אנגעפראסקעט א האלבע קלאס, להוכיח קבל עם ועדה, אז ער איז נישט קיין קלענערע מערדער פון דעם כיתה ו' רבי'ן. שוין אמאליגע רבי'ס.

**שמעקעדיג** • 1טן יאנואר 2013

„מיינט נישט טאקע.. איך האב אויך געטרינקען פון דעם "כוס התרעלה" פון אונזערע האלב גייסטיגע מלמדים!!"

דאס איז א סתירה מיטן קעפל פונעם אשכול:

מיינע זיסע זכרונות פון חיידער! מיינע קינדער יארן!

**בונעס איירעס** • 1טן יאנואר 2013

„דאס איז א סתירה מיטן קעפל פונעם אשכול"

איך האב מקדים געווען אז צומאל איז עס ביטערע זכרונות אויך.. אבער ווילאנג עס איז זכרונות-נאסטאלגיע, סיי וואו זוי איז עס זיס!

**טעפל** • 2טן יאנואר 2013

„... און אז דער סיסטעם זאל זיך פירן וואו א שבת זייגער."

דוקא א שבת זייגער איז נישט אזוי שלעכט ס'שטעלט זיך אפ איינמאל אין אפאר שעה..

**berlbalaguleh** • 17טן יאנואר 2013

יישר כח פארן אנצינדן מיין זכרונות מאשין. איך האב ב"ה נישט געהאט קיין רבי'ס רוצחים און סאדיסטן. נאר איינעם א סובסטיטוט וואס האט געהאט שפיציגע שיך און ער פלעגט צו גיין צו א יעדן יונגל אין קלאס וואס האט זיך עס פארדינט (און איך האב מיר עס זיכער פארדינט) און געשטויסן מיט זיינע שפיציגע שיך אין די זייטן. זאגנדיג דערביי דעם זעלבן פזמון. "אזאנס האב איך נאך אין מיין לעיבן נישט בייגעוואוינט". מיין מאמע ע"ה, זעענדיג די בלעק ענד בלו מארקס, איז נישט געלאפן אין חדר סטראשענדיג מיטן ארגסטן ווייל מ'האט צעשטויסן איר תכשיט. נאר זי האט מצדיק את הדין געווען אז כ'האב מיר עס זיכער ערליך פארדינט. כ'האב נאך עטליכע זכרונות פון צוזאמענשטויסן וואס כ'האב געהאט מיט שטרענגע רבי'ס. נאר מיר על'ן עס לאזן פאר א צווייטע געלעגנהייט. ועוד חזון למועד.

**שמעקעדיג** • 17טן יאנואר 2013

אין יענע צייטן שוין געווען שפיציגע שיך? אפשר האט ער אנגעטאן זיין ווייב'ס שיך.......

**berlbalaguleh** • 18טן יאנואר 2013

ניין ער איז געווען זייער סטייליש. מיט מיין יונגלישן שכל האב איך נישט געקענט דערגיין פאר וועם ער וויל געפעלן. אין 1958 איז שפיציגע שיך געווען זייער שטארק אין דער מאדע. שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך.

**בונעס איירעס** • 18טן יאנואר 2013

„... האט ער אנגעפראסקעט א האלבע קלאס, להוכיח קבל עם ועדה, אז ער איז נישט קיין קלענערע מערדער פון דעם כיתה ו' רבי'ן."

דאס דערמאנט מיך א מעשה: געווען אמאל א קעניג גאר א שלעכטער האט אויסגעטיילט צרות יגון פאר זיינע אידישע בירגער, האבן זיי מתפלל געווען אז דער קעניג זאל אפייגערן, און פטור אן עסק, און זאל שוין זיין זון איבערנעמען די מלוכה, דער אויבערשטער האט אנגענומען זייערע תפילות. און דער קעניג האט זיך טאקע אויסגעצויגן אויף אייביג, איז געקומען דער זון און איבערגעומען די הנהגת המדינה און די האנט אריין, און געוואלד און געשריגן דער איז געווען פיל א גרעסערער מרושע ווי דער פאטער זיינער אויסגעטיילט געדאפעלטע צרות פאר זיי, האבן די אידן כסדר מתפלל געווען אז דער קעניג זאל לעבן גאר לאנג, דער קעניג האט זיך דערוויסט דערפון האט ער געפרעגט איינעם פון די קלוגע אידן אפשר זענט איר מיר מסביר דער אינטערסאנטער זאך הלמאי איך בין דאך ביטער שלעכט צו אייך פארוואס בעט איר איך זאל לעבן?

האט אים דער איד געענטפערט, הויעך גשעצטער קעניג מיר האבן געבעטן אז אייער פאטער זאל פייגערן און דער אויבערשטער האט דערהערט אונזער רוף אין אים אוועק גענומען פון אונז... דאן האבן מיר באקומען דיך.. פיל ארגער ... מיר וויסן נישט וואס אייער זון וועט טון מיט אונז זאל עס בלייבן מיט דיר!

קולטור • ליד

# די מצב אמאל

יום טוב עהרליך, א סטאלינער חסיד פון וואלין, האט אליין געשריבן די ווערטער צו זיינע לידער. דאס ליד וועגן דעם שטעטל וואס איז געבליבן אן יוגנט האט „Hirshel Tzig“ ארויפגעלייגט אויף זיין בלאג; אין די תגובות האט ער צוגעלייגט נאך אן אלט ליד, וואס איז נישט פון עהרליך.

פון **יום טוב עהרליך** • ארויפגעלייגט פון Hirshel Tzig

די ערשטע חסידישע בלאגס • Circus Tent • „די מצב אמאל“ • 24סטן נאוועמבער 2005
https://ershteblogs.sites.tab.bot/circustent/2005/11/3.html

שווארצע וואלקנס זענען אנגעקומען,
און פארשטעלט פון זון די שיין,
און א טרויער האט ארומגענומען,
אט דער קליינער שטעטל מיין,

וואס געבליבן איז דער ליבער חדר,
א מאדערנע שולע איז דארט,
אין די שולן דאווענט מען כסדר,
נאר קיין יוגנט איז נישט דא,

און עס טראגט זיך איין הילכיגער געלעכטער,
פון די קלוגן טאג און נאכט,
און זיי די ערליכע זון און טעכטער,
פון דער השכלה אריינגענארט,

אלעס איז ציניפגעמישט צוזאמען,
אלעס טאנצט און זינגט מיט פרייד,
נישט איין טאטע נישט איין מאמע,
פון וועלכע געגאנגען יונגערהייט,

עס ברענט די הויז עס ברענט אויף די ישיבה,
אין יעדן הויז א גרויסער בראך,
מען רייסט קריעה און מען זיצט שבעה,
אויף קינדער וועלכע לעבן נאך,

א גריס פון די שטעטאלאך, די ווינקאלאך די שיינינקע,
א גריס אייך פון דער ליבער אלטער היים,
א גריס אייך פון די געסאלאך, די הייזאלאך די קליינינקע,
א גריס פון יעדן גערטנדל און בוים,

די ישיבאלאך פארלאזענע, די שכנדלאך פארשלאסענע,
די הייזער פול מיט טומל און מיט שרעק,
די הערצאלאך צעריסענע, די ליפאלאך צעביסענע,
די קינדער וועלכע זענען ווייט אוועק.

### און נאך אן אלט ליד

מען דארף בעהאלטן
א ספאדיק אן אלטן
אין חדרי חדרים זייער גוט
ס'וועט זיין א וואונדער
פאר אונזערע קינדער
אז אין דעם איז געגאנגען אן ערליכן איד

מען דארף גדענקען און שטארק נאכבענקען די דורות וואס זענען
פון אונז אוועק
וואו זיי זענען געווען
און וואס מיט אונז איז געשען
עס כאפט זיך א מורא און א שרעק

שאל אביך ויגדך
זקניך ויאמרו לך
פון טאטעס צו פארכטן
און פון זיידעס צו פארשטען
תורה ויראה נאך און נאך

ס'זאל שוין קומען פון וואס די נביא שרייבט
אלי'הו הנביא שוין צו זען
והשיב לב אבות, לב אבות על בנים
און מיט א ספאדיק אקעגן משיח צו גיין

הומאר

# ווערסט זיך נאך בענקען צו די יונגע יארן

„ווערסט זיך נאך בענקען צו די יונגע יארן“, האט מען אים געזאגט אלע יארן. איצט האט „Yentash“ א פאר פראגעס.

פון **Yentash**

די ערשטע חסידישע בלאגס • מסכת יענטאאש • „ווערסט זיך נאך בענקען צו די יונגע יארן.....“ • 25סטן יוני 2006
https://ershteblogs.sites.tab.bot/yentash/2006/06/5.html

אזוי האט מיר מיין מאמע געזאגט בעת זי האט איינגעזאפט מיט א טישו די פילע שנירלעך טרערן וועלכע האבן אראפגערינען מיט א רחמנות אויף מיינע גלאנציגע יונגע בעקעלעך ווען איך האב געוויינט פארוואס איך בין נאך צו קליין צו גיין צו מיין צווייטע קאזינס חתונה. אזוי האט מיר מיין טאטע געזאגט בעת ער האט שטארק געדריקט מיין האנט גייענדיג אויפן וועג צום שול פרייטאג צונאכטס ווען איך האב גענודזשעט פארוואס איך בין נאך צו קליין צו קראסן אליין די סטריט. אזוי האט מיר מיין זיידע געזאגט מיט זיין שליימיגן קול בעת ער איז געזעצן אויף דער טאראסע אנגעטאן אין זיין בלויען סוועטער און איינגעהילט אין זיין גרויען שאל טרינקענדיג א הייסע טיי מיט לימענע אין א פיר און נײַנציג דעגרי וועטער צובייסענדיג א קאצקע ציקער. אזוי האט מיר מיין באבע געזאגט בעת זי האט מיט איר צידערדיגע האנט מיך פרובירט צו פיטערן די רעשטעלעך פאשיט און לאנגע -טאמעיטא סאוס- לאקשן וועלכע איך האב נישט געוואלט אויפעסן פאר נאכטמאל וויינענדיג אז די גרויסע קינדער צווינגט מען נישט צו אויפעסן. אזוי האט מיך מיין מלמד געזאגט בעת מיינע רויע בעקעלעך זענען געלעגן צעדריקט צווישן זיינע הארט-הויטיגע פינגער ווען ער האט מיך געציפט מיט א כלומר'שטע ליבשאפט. אזוי האט מיך מיין מנהל געזאגט מיט אן אריינרוימנדע שטילע שטימע אריינאטעמענדיג מיט זיין פון-קנאבל-שטינקפולע מויל גלייך אין מיין יונג אומשולדיג פיסקל. היינט, יארן נאך דער חתונה מיט עטליכע קינדער אין דער זייט מוז איך אייך זאגן טייערע עלטערן און מחנכים: גרויסע שטותים האט עטס גערעדט!, ווער בענקען? ווי בענקען? וואס בענקען?, איר האלט טאקע אז איך בענק מיך צוריק צו די צייטן ווען מיינע הענט זענען צעציפט געווארן בין דרימל לדרימל פון מיין טאטן פרייטאג צונאכטס אין שול?. איר האלט טאקע אז איך בענק זיך צוריק צו די צייטן ווען איך האב נאר באקומען אן אייסעס פון מיין מאמען בימי טהרה?. איר האלט טאקע אז איך בענק זיך צו די צייטן ווען מיין זיצער איז בלוי געווארן אונטער דעם רשעות'דיגן קאנטשיק פון מיין פארשאלטענעם מלמד?. איר האלט טאקע אז איך בענק זיך צוריק צו די צייטן ווען איך האב געמוזט לערנען שבת נאכמיטאג חומש מיט מיין זיידן?. יא אמת, ס'איז דא פארשידענע פריווילעגיעס וואס נאר א יונגל האט, איך למשל וועל קיינמאל מער נישט קענען פליען מיט א סקוטער אויף די סיידוואלק מיט א קוויטשענדע 'לעאו.....!! לעאו.....!! וויעאו.....!!'. איך למשל וועל קיינמאל מער נישט קענען זיך אראפשטעלן פארנט פון א 'פאני טאטע' און אריינקוקן אים מיט א צעעפנטע מויל גראד אין פנים אריין אזש איך זאל קענען ציילן די הארלעך פון זיין נאז. איך למשל וועל קיינמאל מער נישט קענען -אפגעזען ווי וויניג נערוון איך זאל נאר האבן צו דאוונען- שפילן 'באהאלטן' און 'רעד לייט גרין לייט וואן טו טרי' אין שול. איך למשל וועל קיינמאל מער נישט קענען -אפגעזען ווי שטארק איך זאל נאר דארפן- 'לויפן' אין טוילעט מיט א שנעלקייט אנכאפנדיג זיך באותו מקום עס זאל נישט ארויסרינען. אבער פון דער אנדערער זייט האב איך דען 'אזא תאווה' למשל צו האלטן פעסט א צעקנייטשטן סענדוויטש בעג אנגעפילט מיט צעמאלענע זאלציגע פאטעיטא סטיקס און צעברעקלטע זיסע טשאקלאד וועיפערס?. וויל איך דען אזוי שטארק אריינוואקן אין ביהמ"ד פרייטאג צונאכטס מיט 'לעמאנעיד פיאות'?. האב איך דען אזא תשוקה צו שרייען 'גויאאץ' פאר דעם שחור פון דער מקוה?.......

היינט אין ביהמ"ד ביי שחרית האט ביי מיין מנין געדאוונט פארן עמוד א קליין פערצן יעריג בחור'ל. בשעת ער האט מיט זיין קוויטשיגן כפרה קול שרייענדיג 'גאדע קאדעשיי ראבאהההאא!!' אויפן העכסטן טאן צעלעכערט מיינע אויערן, האב איך אים

אביסל באטראכט, און איך האב ווידעראמאל פעסטגעשטעלט אז די באבע מעשה מיט דער 'בענקעריי צו די יונגע יארן' איז 'סתם אין די וועלט אריין גערעדט'.... צו האלט איר טאקע אז איך בענק זיך ערנסט צו די יארן ווען מען האט אויף מיין צעקוועטשטע האלב צעריסענע ווי-א-באלי-אויסקוקנדע הוט געקענט דערקענען וואס מען האט געגעבן אין פיעוטים פאר פרישטאג די לעצטע האלב יאר??. צו מיינט איר טאקע אז איך בענק זיך וויכטיג צו די יארן ווען קאלעגע ישיבה בחורים האבן אין רעאקציע פון א דזשאוק אויף זייער חשבון געקענט צערייסן די טעשער פון די חאלאטלעך וועלכע האבן געסרוחעט פון ביי-פרישטאג-אויסגעגאסענע ווערזשטעבל סאלאטן און קאפי??. צו מיינט איר טאקע אז איך בענק זיך גאר שטארק צו די יארן ווען מען לעבט אין א תוהו ובוהו בעת די שתי שערות הייבן אן צו שפראצן און אזוי אויך די 'עפעס פאני פילינגס'?...סא, דו גאנצע 'יונגע יארן' גערעדעכץ איז 'סתם אין די וועלט אריין גערעדט'.....

קורץ און שארף

# פערל פון די ארכיוון

דריי קורצע שטיקלעך וועגן געדענקען און פארגעסן – פון צוויי פארשידענע אשכולות.

## דער שניי ווערט טיפער

**:berlbalaguleh**

די אלטע אידן רעדן אויך פון דער אלטער היים מיט נאסטאלגיע, ווי מ'האט אונז פיינט געהאט און אויסגעטיילט ציפקע צרות אויף טריט און שריט.

ס'געווען אמאל אן אלטער איד וואס האט געהאט א מנהג יעדן יאר חנוכה ווען אלע קינדער און אייניקלעך זענען געקומען צו איהם, צו דערציילן איבער זיינע בחור'שע יארן, ווי ווייט די ישיבה איז געווען פון זיין הויז, און אין וועלכע טיפע שנייען ער איז געקראכן. א יעדעס יאר וואס ער האט פארציילט די מעשה זענען די שנייען געווארן טיפער, און די ישיבה ווייטער...

קאווע שטיבל • „אלטע זכרונות" • 8טן סעפטעמבער 2012
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/1524.html

## א דאקטאר וואס קומט אהיים

**שמעקעדיג:**

כד הוינא טליא, פלעגט זיין אין ווילי א דאקטאר וואס פלעגט ארומגיין אין די הייזער פאר טשעקאפס. ער האט שיין פארדינט. יעדע מאמע מיט א שטוב מיט פיצלעך קע"ה וואס האט געדארפט אנקומען צו א דאקטאר האט זיך מחיה געווען מיט די סערוויס.

היינט דארף מען זיך שלעפן צום ODA אדער אנדערע מעדיקעל סענטערס, ווי אלעס איז טאקע פארגעשריטן און אלע אינפארמאציע ליגט געפיילט אינעם נייעם קאמפיוטער, אבער עס בענקט זיך צו דער אמאליגער פשטות און צו די קאנוויניענס.

קאווע שטיבל • „אלטע זכרונות" • 6טן מערץ 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/1524-3.html

## דריי גוטע זאכן

**דריידל:**

ר' שלום קעסלער זאגט אז א איד וואס לייט פון אלטסהיימערס ל"ע האט אים געזאגט אז ס'דא דריי גיטע זאכן וואס קומט צוליב פארגעסן.
א. מ'טרעפט כסדר נייע מענטשן
ב. מ'טרעפט כסדר נייע מענטשן
ג. האב איך שוין פארגעסן

[פארקירצט]

קאווע שטיבל • „געדענקן און פארגעסן" • 16טן יוני 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/4457.html

---

היסטאריע

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 9טן נאוועמבער, אין פריערדיגע יארן?

**12**
יאר צוריק
2014

### הילף אין טרעפן מקורות פון אלטע ליטעראטור

**פידלער** • קאווע שטיבל • אחיעזר • 9טן נאוועמבער 2014

אמת, האלב וועלט קען מען היינט טרעפן אויף גוגל. אבער דאך בלייבט איבער די אנדערע העלפט. און אפילו צו @אנאנים'ס געוואלדיגע פארש פעאיגקייטן איז דא א גבול. עפן איך דעם אשכול פאר די צייטן ווען מיר דארפן הילף אין טרעפן מקורות פון אלטע ליטעראטור אדער גאר די ליטעראטור אליין. (copied and pasted)

איך זיך יעצט אן אלטע פאעמע וואס איז געווען אין די ליכט שטראלן אין די ל יארן. עס האט זיך גערעדט פון א מלמד וואס פלעגט אריין קוקן אין מענדעלסאהן'ס ביאור און צום סוף זענען אלע זיינע קינדער ארויס לתרבות רעה.

דאס איז א חלק פון פזמון:

מילא ווערן א קל,

ליידער פאסירט אזא זאך,

אבער אזוי, פון איין עק צום צווייטן,

דאס איז שוין גארנישט איינפאך!

אויב איינער ווייס ווי איך קען דאס געפונען וואלט איך געווען געוואלדיג דאנקבאר.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7545.html

21
יאר צוריק
2005

## פראגע: וואס איז דער ציל פון דעם פארום??

**service_03** • היידפארק • היימישע קרעטשמע • 9טן נאוועמבער 2005

וואס איז דער ציל פון דעם פארום?
דהיינו איך וויל מסביר זיין וואס איך מיין צו פרעגן.

[פארקירצט]

אצינד איז מיין פראגע צו אייך גולשים פון דעם פארום:
וואס איז אייער ציל?
מילא איר ווילט זיך אביסל אינטערהאלטן דאס פארשטיי איך, אבער איך קוק מיך אזוי אום דא אויף די אשכולות און איך טריי צו כאפן וואס איר צילט דא און איך קען נישט ארויסקריכן.
זענט איר סתם בעלי דמיונות? וואס דארף? וואס קרעטשמע? וואס גראף? וואס ראש הקהל? וואס קהל? וואס אפיס?
למשל א טאג בוך וואס איינער פון אייערע גולשים שרייבט דאס פארשטיי און דאס איז גוט (BTW וויל איך אים גראטולירן דא ווייל ער האט מיך אויך מהנה געווען), מ'גיבט זיך אויס און דער עולם האט געוואלדיג הנאה, אדער למשל דאס זעלביגע מיט אזעלעכע שמועסן ווי דער אשכול פון "אמעריקאנע פרעזידענטן", עס איז היימיש געשמועסט און מ'ווערט געוואויר אסאך נייע זאכן. איך וועל אפי' גיין א טריט ווייטער, אפי' די סארט אשכולות פון די קינדערישע זכרונות אדער ווערטלעך פון די אלטע אידן, וואס זענען אויך אביסל צו נעריש פאר ערוואקסענע מענטשן, אבער כ'קען פארשטיין דער תועלת דערפון, מענטשן געבן זיך אויס און די ליינער האבן הנאה, אבער רוב פון אייערע אשכולות זענען דאך בלויזע הוילע שטותים ודמיונות... [פארקירצט]

וואס איז דער ציל פון אייער פארום?
אז איר ווילט זיך מהנה זיין, אז איר ווילט מהנה זיין אנדערע, מאכט עפעס צו דער זאך. קומט אויף מיט עפעס זאכליכע זאכן, נישט מיט קיין דמיונות.

עס קען זיין איך בין נישט גערעכט, איך פרעג נאר. און אויב קענט איר מיר דאס מסביר זיין וועט איר האבן מהנה געווען נאך א איד... דאס איז דאך אייער ציל.

moshele_23: טאקע דאס איז דער ציל פון דעם פורום - צו קענען פרעגן אזא קשיא... נא רבותי הייבט אייך אן צו טענה'ן - מאכטס א שקלא וטריא - און זאל זיין דא לעבעדיג..

דרך אגב - באלד קומט אן אשכול "וואס איז דער ציל פון דעם אשכול??"

https://hydepark.sites.tab.bot/t/1662601.html

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

אינעם שמועס „זענען עלטערע מענטשן קלוגער ווי די יונגע?“ האט „וכדומה..“ געשריבן: „די שכל בלייבט אויפן האר די זעלבע“. „ישמעאל הכהן“ האט געענטפערט:

> ”
>
> ווען מ'ווערט אלט פאלט ארויס די האר, קומט לכאורה אויס אז זיי ווערן נארישער.

**ישמעאל הכהן** • קאווע שטיבל • 12טן יוני 2015

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9085.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **הויפט־ארטיקל** | „געדענקען און פארגעסן“ · **ברסלבער**<br>קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · אשכול „געדענקן און פארגעסן“ · 7טן אויגוסט 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/4457.html |
| **וויסנשאפט** | „פארמעקן זכרונות“ · **שרגא, מי אני און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · אשכול „פארמעקן זכרונות“ · 6טן מערץ 2012 – 1טן מערץ 2022<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/100.html |
| **איבערלעבונגען** | „א באבע באזוכט מען“ · **ליטוואק פון בודאפעסט**<br>קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · אשכול „זכרונות פון די יונגע יארען“ · 18טן נאוועמבער 2018<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12719.html |
| **היסטאריע** | „וועגן קאטשקעס און פירזאגערינס“ · **הרב מיכאל אוישי**<br>די ערשטע חסידישע בלאגס · Circus Tent · אשכול „וועגן קאטשקעס און פירזאגערינס... – זכרונות פון די נישט ווייטע פארגאנגענהייט“ · 7טן פעברואר 2013<br>https://ershteblogs.sites.tab.bot/circustent/2013/02/3.html |
| **א שמועס פון דער וואך** | „מיינע זיסע זכרונות פון חיידער“ · **בונעס איירעס, berlbalaguleh, שמעקעדיג און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · אשכול „מיינע זיסע זכרונות פון חיידער! מיינע קינדער יארן!“ · 1טן – 18טן יאנואר 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2649.html |
| **קולטור • ליד** | „די מצב אמאל“ · **יום טוב עהרליך**<br>די ערשטע חסידישע בלאגס · Circus Tent · אשכול „די מצב אמאל“ · 24סטן נאוועמבער 2005<br>https://ershteblogs.sites.tab.bot/circustent/2005/11/3.html |
| **הומאר** | „וועסט זיך נאך בענקען צו די יונגע יארן“ · **Yentash**<br>די ערשטע חסידישע בלאגס · מסכת יענטאאש · אשכול „וועסט זיך נאך בענקען צו די יונגע יארן.....“ · 25סטן יוני 2006<br>https://ershteblogs.sites.tab.bot/yentash/2006/06/5.html |
| **היינט מיט 12 יאר צוריק** | „הילף אין טרעפן מקורות פון אלטע ליטעראטור“ · **פידלער** · קאווע שטיבל · אחיעזר · 9טן נאוועמבער 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7545.html |
| **היינט מיט 21 יאר צוריק** | „פראגע: וואס איז דער ציל פון דעם פארום??“ · **service_03** · הײדפארק · היימישע קרעטשמע · 9טן נאוועמבער 2005<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1662601.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „דער שניי ווערט טיפער“ · **berlbalaguleh** · קאווע שטיבל · „אלטע זכרונות“ · 8טן סעפטעמבער 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/1524.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „א דאקטאר וואס קומט אהיים“ · **שמעקעדיג** · קאווע שטיבל · „אלטע זכרונות“ · 6טן מערץ 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/1524-3.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „דריי גוטע זאכן“ · **דריידל** · קאווע שטיבל · „געדענקן און פארגעסן“ · 16טן יוני 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/4457.html |
| **די תגובה פון דער וואך** | **ישמעאל הכהן** · קאווע שטיבל · 12טן יוני 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9085.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** דאנערשטאג, דעם 12טן נאוועמבער – נומער 7, אויף פרשת תולדות. מאנטאג, דעם 16טן נאוועמבער – נומער 8.

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.